Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 19, נומער 2 (92)
שבֿט תשע"ד/יאַנואַר 2014

# סוצקעווערס פּאָעזיע לעבט אויף אין פּאַריז

אין דעצעמבער 2013 האָט דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער אָרגאַניזירט אַ קולטורעלן סעזאָן לכּבֿוד[1] דעם הונדערטסטן געבוירן־טאָג פֿונעם גרויסן פּאָעט און העלד פֿון ווילנער געטאָ, אַבֿרהם סוצקעווער[2], וואָס איז געשטאָרבן מיט פֿיר יאָר צוריק.

סוצקעווערס לעבן און שאַפֿן איז אַזוי רייַך און פֿילזייַטיק[3], אַז ס'איז אוממעגלעך עס אין גאַנצן אַרומצונעמען, אַפֿילו[4] אין אַן אינטענסיוון קולטורעלן סעזאָן. ער האָט דורכגעלעבט אַ גרויסן טייל פֿון די איבערקערענישן[5] אין דער וועלט־געשיכטע אין 20סטן י"ה[6], און איז געווען צווישן די וויכטיקסטע פֿיגורן פֿון דער ייִדישער קולטור אין זייַן צייַט. פֿונדעסטוועגן האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן זיך באַמיט[7] צו ווייַזן וואָס מער אַספּעקטן פֿון סוצקעווער ווי אַ קינסטלער, מענטש און ייִד, און פֿון דער ליטעראַרישער ירושה[8] וואָס ער האָט איבערגעלאָזט.

ערשטנס איז דערשינען אינעם פֿאַרלאַג[9] „מעדעם־ביבליאָטעק" אַ צווייִשפּראַכיקע, ייִדיש־פֿראַנצייזישע אויסגאַבע[10] פֿון סוצקעווערס בוך פּאָעטישע פּראָזע *גרינער אַקוואַריום*[11]. די פּרעכטיקע[12] טעקסטן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1953–1954, באַהאַנדלען די שווערע טעמאַטיק פֿון חורבן[13] – דאָס לעבן אין און אַרום דעם ווילנער געטאָ. די פֿראַנצייזישע איבערזעצונג איז פֿון בתיה בוים[14], איינע פֿון די בעסטע איבערזעצערס פֿון ייִדיש הייַנט צו טאָג.

במשך פֿון[15] פֿינף טעג זענען פֿאָרגעקומען פֿילצאָליקע אונטערנעמונגען[16]. אַ סעריע פֿון פֿיר באַגעגענישן האָט מען געווידמעט[17] דער טעמע „אַבֿרהם סוצקעווער, אַן עדות[18] פֿון גילגולים[19] פֿון דער ייִדישער שפּראַך". דער געדאַנק איז געווען צו אַנאַליזירן די אַנטוויקלונג[20] פֿון סוצקעווערס שפּראַך און טעמאַטיק דורך די הויפּט־שטאַפּלען[21] אין דער ייִדישער קולטור־ און שפּראַך־געשיכטע : דער ליטעראַרישער אַוואַנגאַרד צווישן ביידע וועלט־מלחמות[22], ייִדיש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, ייִדיש ווי די שפּראַך פֿון געטאָס און גבֿית־עדותן[23], ייִדיש אין ישׂראל[24]. אין די דיסקוסיעס און סעמינאַרן האָבן זיך באַטייליקט[25] וויכטיקע ייִדיש־פֿאָרשערס[26] פֿון פֿראַנקרייַך און אויסלאַנד. אַבֿרהם נאָווערשטערן[27], מינדאַוגאַס קוויעטקאַוסקאַס[28] און רחל ערטעל[29] האָבן געגעבן אַרומנעמיקע[30] און טיפֿע אַנאַליזן פֿון זייַן ווערק, און העדהער וואַלענסיאַ[31] און קאַראָלינאַ שימאַניאַק[32] האָבן געוויזן די שייַכותן[33] צווישן זייַן פּאָעזיע און ווערק פֿון אַנדערע פּאָעטן (פּאָל וואַלערי[34] און טשעסלאַוו מילאָש[35]).




דער עקספּערימענטאַלער „פּערפֿאָרמענס"־דואָ „קאָלעקטיוו סאַלאַ־מאַנקאַ" פֿון די ישׂראלדיקע[36] קינסטלער דיעגאָ ראָטמאַן און לאה[37] מאַואַס איז אויפֿגעטראָטן מיט צוויי פֿאָרשטעלונגען אינספּירירטע פֿון סוצקעווערס פּאָעזיע און פֿון ייִדישער מאָדערניסטישער פּאָעזיע בכלל[38].

אַנדערע אַקטיוויטעטן אין דעם סעזאָן זענען געווען : אַן אָוונט אויף וועלכן מע האָט געהערט רעקאָרדירונגען ווו דער פּאָעט לייענט אַליין זייַנע לידער, באַגלייט מיט פּראָיעקציעס פֿון פֿאָטאָגראַפֿיעס און די טעקסטן אין אָריגינאַל און איבערזעצונג ; אַ באַזונדערע צווייִשפּראַכיקע פֿאָרלייענונג פֿון זייַן פּאָעזיע דורך פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן און אַ פּראָיעקציע פֿון אַן אינטערוויו מיט סוצקעווערן.

דעם גאַנצן סעזאָן האָט באַגלייט אַ רייַכע אויסשטעלונג[39] וועגן סוצקעווערן. אַחוץ[40] די פּרטימדיקע טאָוולען[41] וואָס דערציילן וועגן סוצקעווערס אויסערגעוויינטלעך לעבן ווייַזט מען אין דער אויסשטעלונג אויך אַ גרויסן אויסקלייַב פֿון זייַנע ביכער, אי אין אָריגינאַל אי אין איבערזעצונג, ווי אויך כּתבֿ־ידן[42], בריוו, סוצקעווערס אייגענע צייכענונגען און עטלעכע אינטערעסאַנטע פּאָרטרעטן פֿון אים וואָס עס האָבן געמאָלט באַקאַנטע קינסטלער. די אויסשטעלונג קען מען נאָך באַזוכן ביזן 25סטן מאַרץ 2014. דערצו האָט מען אַרויסגעגעבן אַ קאַטאַלאָג וואָס נעמט אַרום רעפּראָדוקציעס פֿון די טאָוולען און עטלעכע בילדער, ווי אויך אַן עסיי פֿון יצחק[43] ניבאָרסקי וועגן סוצקעווערס פּאָעטישער שאַפֿונג.

1. lekoved en l'honneur de/in honor of 2. avrom Sutzkever (1913-2010) 3. à multiples facettes/many-sided/רב פנים 4. afile même/even 5. bouleversements/upheavals/תהפוכות 6. יאָרהונדערט siècle/century/מאה 7. se sont efforcés/made an effort/התאמצו 8. yerushe héritage 9. maison d'édition/publishing house/הוצאה לאור 10. édition/מהדורה 11. *Aquarium vert*, Paris, Bibliothèque Medem, 2103 12. superbes/superb/נהדרים 13. khurbm Shoah/שואה 14. Batia Baum 15. bemeshekh ... pendant/for a period of 16. événements/events/ארועים 17. consacré/devoted/הוקדשו 18. eydes témoin/witness/עד 19. changements/changes 20. développement/development/התפתחות 21. phases/שלבים 22. milkhomes guerres/wars 23. gvies-e'ydesn témoignages/testimonies/עדויות 24. yisroel Israël 25. participé/took part/השתתפו 26. chercheurs/scholars/חוקרים 27. avrom Nowersztern 28. Mindaugas Kvietkauskas 29. rokhl Ertel 30. larges/comprehensive/מקיפים 31. Heather Valencia 32. Karolina Szymaniak 33. sha'ykhesn rapports/relations/קשרים 34. Paul Valéry 35. Czesław Miłosz 36. yisro'eldike israéliens/Israeli 37. leye Leah 38. bikhla'l en général/in general/באופן כללי 39. exposition/exhibition/תערוכה 40. akhu'ts à part/aside from/מלבד 41. pro'timdike ... panneaux détaillés/detailed panels/לוחות מפורטים 42. ksav-yadn manuscrits/manuscripts 43. yitskhok.

לכּבֿוד[1] דער נײַער צווייִשפּראַכיקער, ייִדיש־פֿראַנצייזישער אויסגאַבע[2] פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס[3] בוך גרינער אַקוואַריום דרוקן מיר דאָ איין דערציילונג. די סצענע קומט פֿאָר אין געטאָ, ווו צוויי געליבטע, אַנטלאָפֿענע פֿון אַ מאַסן־עקזעקוציע, באַהאַלטן זיך אין צוויי קוימענס[4]. אין דעם טעקסט קען מען זען אַז ליבע און אייפֿערזוכט[5] זענען אַ מאָל שטאַרקער ווי מורא[6] פֿאַרן טויט.

# צווישן צוויי קוימענס

## פֿון אַבֿרהם סוצקעווער



**אילוסטראַציע פֿון שמואל באַק צו סוצקעווערס באַנד לידער „די ערשטע נאַכט אין געטאָ“ (1979).**

ווי דער זכרון[7] פֿון מלאך־הדומה[8] שווימט האַסטיק די לבֿנה[9] צו די רויִנען[10] פֿון אַ שוואַרצער גאַס און בלײַבט הענגען צווישן צוויי קוימענס.

לאַנגע, זידנדיקע[11] שאָטנס קוואַלן אַרויס[12] פֿון אירע אָדערן[13], ווי שוואַרץ בלוט פֿון אַ דערהרגעט[14] פֿערד, און צעשמעלצן[15] אונטער זיך, ביזן ברוק[16], די שנייען.

אַ מענטש אַנטפּלעקט זיך[17] פֿון אַ קוימען, ווי אַ ווילדע קאַטשקע פֿון אַ טונקעלן וואַסער :

– שיינ–דע–לע[18] !

פֿונעם קוימען, אויף דער אַנדער זײַט גאַס, קריכט אַרויס אַ צווייטער :

– צאַל–קע[19] !

– שיינדעלע, מיר מוזן לעבן.

– יע[20], צאַלקע. ווי לאַנג ליגן מיר אָדער שטייען מיר אין די קוימענס ?

– ניט לאַנג, סך־הכּל[21] די דריטע לבֿנה. איז דיר קאַלט, שיינדעלע ?

– קאַלט ? אַז די לבֿנה באַלײַכט זעט אויס אויף מיר די סאַזשע[22] ווי אַ זילבערפֿוקס[23]. פֿאַר קעלט האָב איך ניט קיין מורא. מע זאָל נאָר אונטן, אין מויער[24], ניט אײַנהייצן[25]. מיר דאַכט, פֿונקען[26] ציִען זיך פֿון קוימען...

– קיינער ווינט ניט אין דער שוואַרצער גאַס. און די פֿונקען זענען שטערן. מזלדיקע[27] שטערן.

– ניין, צאַלקע, שטערן זענען קאַלט און די פֿונקען – הייס, נאָדלדיק[28]. הייס ווי קושן, יע, נאָר אַ סך געפֿערלעכער.

– שיינדעלע, ווען האָסטו אין זינען, לאָמיר זײַן אָפֿנהאַרציק[29]. כ׳האָב אַליין געזען...

– אַז מען קושט זיך זעט מען ניט, ווי אַזוי האָסטו געזען ?

– לעבן גרוב[30]... איידער מיר זענען אַנטלאָפֿן, איידער מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין די קוימענס, האָסטו צו עמעצן געשמייכלט, אַזוי געשמייכלט, ווער איז ער ?

– אַי, צאַלקע, זײַן אייפֿערזיכטיק[31] אין אַ קוימען... גוט, כ׳וועל דיר זאָגן, ס׳איז געווען – – –

אַן אָפּקלאַנג פֿון געקאָוועטע שטיוול[32] האַקט איבער דעם זאַץ. אין ביידע קוימענס, איינער אַנטקעגן אַנדערן, איבער דער שוואַרצער גאַס, פֿאַרשווינדן די פּנימער[33].

1. lekoved en l'honneur de/in honor of 2. édition bilingue/bilingual edition/מהדורה דו־לשונית 3. de/by/מאת avrom Sutzkever 4. cheminées/chimneys/ארובות 5. jalousie/jealousy/קינאה 6. moyre peur/fear/פחד 7. zikorn mémoire/memory 8. malekh-hadoyme ange chargé d'accueillir les morts dans l'au-delà/angel who receives the dead in the next world/מלאך הממונה על קבלת פני המתים בעולם הבא 9. levone lune/moon 10. הריסות 11. bouillonnants/seething/רותחים 12. jaillissent/stream out/נובעים 13. veines/veins/ורידים 14. derharget abattu/slaughtered/שחוט 15. font fondre/melt/ממיסים 16. pavés/pavement/ריצוף 17. apparaît/appears/מתגלה 18. *prénom féminin/girl's name/שם של אישה* 19. *prénom masculin/man's name/שם של גבר* 20. oui (*prononciation litvak*)/yes (*Litvak pronunciation*)/(*הגיה ליטאית*) כן 21. sakhakl en tout/in all 22. suie/soot/פיח 23. renard argenté/silver fox/שועל כסוף 24. dans la maison/in the house/בבית 25. faire du feu/light a fire/להדליק אש 26. étincelles/sparks/ניצוצות 27. ma'zldike propices/propitious/מביאי מזל 28. piquantes comme des aiguilles/like needles/דוקרים כמחטים 29. franc/frank/כנה 30. fosse/pit/בור 31. jaloux/jealous/קנאי 32. bottes ferrées/hobnailed boots/מגפיים ממוסמרים 33. pe'nemer visages/faces, *sing.* פנים ponem.





## פֿאַר אָנהייבער

אַבֿרהם סוצקעווער[1] איז באַקאַנט ווי אַ מײַסטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך – מיט זײַנע טיפֿע מעטאַפֿאָרן, אומגעוויינטלעכע[2] צונויפֿשטעלן[3] פֿון ווערטער, פֿילטײַטשיקייטן[4] און נעאָלאָגיזמען. איז טאַקע זײַן פּאָעזיע ניט גרינג צו פֿאַרשטיין. האָבן מיר אויסגעקליבן, ספּעציעל פֿאַר די אָנהייבער, עטלעכע קורצע לידער פֿונעם ציקל „קליינע אימפּראָוויזאַציעס“, געדרוקט אינעם באַנד[5] צײַטיקע פּנימער[6] אין יאָר 1970.

# קליינע אימפּראָוויזאַציעס

## פֿון אַבֿרהם סוצקעווער



**4**

די פֿײַכטע[7] צעאַקערטע[8] ערד
אָטעמט אײַן[9] די נידעריקע שטערן
מיט אירע וואַכיקע[10]
אָפֿענע
נאָזדרעס[11].

**6**

פּלעיאַדן[12] שטערן. יעדער זיפּט
אַרײַן[13] זײַן פּנים צווישן בלעטער :
אַ מלאך[14] גרייט אַ מאַנוסקריפּט
וואָס איך וועל שרײַבן יאָרן שפּעטער.

**8**

ווערטער, ווערטער,
שוואַרצע פּיאַווקעס[15] אָקערשט פֿון געפֿריר[16],
ציִען אָפּ[17] דאָס קראַנקע בלוט
פֿון היציקן[18] פּאַפּיר.

**12**

לאָמיר אונדזער ליבע
קעגנזײַטיק איבערצײַגן[19] :
דו וועסט האַלטן וואָרט,
איך וועל האַלטן שווײַגן.

**14**

איך שטיי בײַם דענקמאָל[20] פֿון שעקספּיר,
דער שטורעם[21] שפּילט פֿאַר אים טעאַטער.
אַן אומגעזעענער[22] וואַמפּיר
זויגט אויס[23] מײַן צײַט און ווערט ניט זאַטער[24].

**19**

מיר וועלן זיך באַגעגענען[25] :
צוויי וואָרצלען[26] אין דער ערד.

**22**

און אַלץ וועט פֿאַרגיין[27] און ס׳וועט בלײַבן
דער ווײַניקער טעם[28] פֿון פֿאַרגיין.

**24**

זײַ ניט מקנא[29] דעם קעניג
זײַן קעניגלעכע לוויה[30].

**27**

בינעלע[31], בינעלע, פֿלאַטער[32],
די רויז איז דײַן פּסיכיאַטער.



**רעכטס און אויף דער ז׳ 1 : סוצקעווערס אויטאָפּאָרטרעטן. אויבן : סוצקעווער אין 1946. לינקס : סוצקעווערס ווידמונג פֿאַר מרדכי און בעלאַ ליטווין אין אַן עקזעמפּלאַר פֿון „גרינעם אַקוואַריום“.**

1. avrom Sutzkever 2. inhabituels/unusual/לא רגילים 3. combinaisons/combinations/חיבורים 4. pluralité de sens/multiple meanings/ריבוי משמעויות 5. volume/כרך 6. ... pe'nemer *Visages mûris*/Ripened faces/פנים בשלות (Tel Aviv, Peretz-Farlag, 1970), *sing.* פּנים ponem 7. humide/damp/לח 8. labouré/plowed/חרוש 9. respire/breathes in/נושם 10. éveillés/alert/ערניים 11. narines/nostrils/נחיריים 12. pléiades/hosts of/פליאדות 13. tamise/filters/מסנן פנימה 14. malekh ange/angel 15. sangsues/leeches/עלוקות 16. à l'instant sortis du givre/just out of the frost/רק עכשיו יצאו מן הכפור 17. sucent/draw out/מוצצים 18. fiévreux/feverish/קודח 19. montrer mutuellement/mutually show/להפגין הדדית 20. monument/אנדרטה 21. tempête/storm/סערה 22. invisible/בלתי נראה 23. suce tout/sucks out/מוצץ עד תום 24. rassasié/sated/שָׂבֵעַ יותר 25. nous nous rencontrerons/we will meet/נִפָּגֵשׁ 26. racines/roots/שורשים 27. disparaîtra/will pass/יעלם 28. ... tam goût de vin/winey taste/טעם של יין 29. ... mekane n'envie pas/do not envy 30. levaye obsèques/funeral 31. petite abeille/little bee/דבורה קטנה 32. bats des ailes (*imp.*)/flutter/עופפי

## פֿאַר אָנהייבער

# מכּות[1]

## פֿון אַסטריד רוף[2]




אַז איך בין געווען אַ קליין מיידל,
האָט די משפּחה[3] מײַנע געלעבט אין
מאַראָקאָ. פֿון דאָרטן זײַנען מײַנע
ערשטע זכרונות[4]. דאָס איז געווען אַ
מאָדנע[5] צײַט. מאָדנע זכרונות. אַשכּנזים[6]
צווישן ספֿרדים[7]. ייִדן צווישן גויים[8],
צווישן אַראַבער.
און קיין אמתע[9] ייִדן זײַנען מיר אויך
ניט געווען דעמאָלט... אָבער דאָס איז אַן
אַנדער מעשׂה[10].
שול. ערשטע מוזיק־
טענער[11]. ערשטע טאַנץ־
שריט[12]. די לידער פֿון דאַלידאַ און עדיט פּיאַף.
מײַן טאַטנס קראַנקייט. מײַן מאַמעס צערטלעכקייט[13].
און צוויי מכּות, ווי אַ מאָל[14] אין מצרים[15]...
די ערשטע מכּה : אַרבה[16].
דאָס איז געשען[17] נאָך דער שולצײַט, פֿיר אַ זייגער. אַלע תּלמידים[18], אַלע לערערס,
אַלע מאַמעס, שטייען אויף דער גאַס, פֿאַר דער שול.
פּלוצלינג[19], חושך[20] אין די אויגן. אין הימל אַ כמאַרע[21] אַ שוואַרצע. די כמאַרע
פֿאַלט פּלוצלינג אויף דער ערד. הונדערטער, טויזנטער שפּרינגערס[22] אויפֿן באָדן[23].
מע צעטרעט[24] די היישעריקן[25], זיי ווערן צעקוועטשט[26] מיט אַ „פּפּוטש“.
די צווייטע מכּה : כּינים[27].
איך געדענק נישט אויב דאָס איז געווען פֿאַר אָדער נאָכן אַרבה.
אַזוי פֿיל וואַנצן[28] האָבן זיך באַזעצט[29] אין אונדזער דירה[30], אַז מיר האָבן געמוזט
פֿאַרלאָזן אונדזער היים, פֿאָרן קיין פֿעדאַלאַ[31], בײַם ים[32], אין אַ האָטעל, בשעת[33]
די דירה איז אויסגערייכערט[34] געוואָרן.
אין האָטעל איז געווען אַזוי שיין : גראָז,
בלומען, גרויסע צימערן. וואַקאַציעס !
כּינים איז שיין, עף־און־פּיף[35], אמת[36] !
אפֿשר[37] האָב איך טאַקע באַקומען אַ
ייִדישע נשמה[38] דורך אָט די
מכּות.





**אויבן : קאַרטלעך פֿון פֿעדאַלאַ. אונטן : בילד מיט צוויי פֿון די מכּות.**

1. MAKES plaies/plagues 2. Astrid Ruff 3. MISHPOKHE famille/family 4. ZIKHROYNES souvenirs/memories 5. étrange/odd, funny/משונה 6. ASHKENAZIM Juifs ashkénazes/Ashkenazi Jews 7. SFARDIM Juifs sépharades/Sephardic Jews 8. GOYIM non-Juifs/gentiles 9. E'MESE véritables/real/אמיתיים 10. MAYSE histoire/story 11. sons/sounds/צלילים, *sing*. טאָן 12. pas/steps/צעדים 13. tendresse/gentleness/רכות, נועם 14. comme autrefois/as in the past/כמו פעם 15. MITSRAIM Égypte/Egypt 16. ARBE sauterelles/locusts 17. s'est passé/happened/זה קרה 18. TALMIDIM écoliers/schoolchildren 19. soudain/suddenly/לפתע 20. KHOYSHEKH ténèbres/darkness 21. nuage/cloud/ענן 22. crickets/grasshoppers, locusts/חגבים 23. sol/ground/קרקע 24. piétine/step on/דורכים על 25. sauterelles/locusts/חגבים 26. éclatent/crushed/מועכים 27. KINIM vermine/vermin 28. punaises/bedbugs/פשפשים 29. pris place/moved in/התמקמו 30. DIRE appartement/apartment 31. Fédala (Mohammédia) 32. YAM mer/sea 33. BESHA'S pendant que/while/בזמן ש 34. enfumé/fumigated/עוּשְנה 35. chouette !/great!/!נהדר 36. EMES vraiment/really/באמת 37. EFSHER peut-être/perhaps/אולי 38. NESHOME âme/soul.



## אַרום אַ וואָרט

# ליכטיק – פֿינצטער

מיר קומען אָן צו דער **פֿינצטערער**[1] צײַט פֿון יאָר. די הימלען ווערן **טונקל**[2], מענטשנס פּנימער[3] ווערן בלייך[4] און זייער שטימונג[5] – אומעטיק[6].
מיר וואַרטן שוין אומגעדולדיק אַז די זון זאָל צוריקקומען און אַוועקטרײַבן די דעפּרעסיע (זאָלן אונדזערע לייענערס וואָס וווינען אויף דער דרומדיקער האַלבקויל[7] אונדז מוחל זײַן[8] – איר זײַט דווקא[9] איצט אין מיטן זומער ; מעגט איר, אויב איר ווילט, אַוועקלייגן דעם אַרטיקל און אים לייענען אין יוני, ווען ס'וועט בײַ אײַך זײַן ווינטער). נו, וואַרטנדיק אויף די שיינע טעג, לאָמיר אַ טראַכט טאָן וועגן **ליכט** און **פֿינצטערניש**.
ביידע ווערטער טראָגן אַ שווערן סימבאָלישן באַטײַט. **ליכט** איז די גוטע, שיינע זײַט פֿון לעבן און **פֿינצטערניש** – די שלעכטע, געפֿערלעכע, אומעטיקע זײַט.
**פֿינצטער** קען מען פֿאַרשטיין ממש[10] אָדער פֿיגוראַטיוו. אַ **פֿינצטערע נאַכט** מיינט פּשוט[11] אַז די נאַכט איז **טונקל**. אָבער ווען עמעצער זאָגט „אוי, אַ **פֿינצטערער טאָג** !“ מיינט עס, אַזוי ווי „אוי, אַ בראָך !“[12]. אַ **פֿינצטערער נאַר**[13] איז אַ וויסטער גולם[14]. ווען מע הערט שלעכטע נײַעס זאָגט מען „ס'איז מיר געוואָרן **פֿינצטער פֿאַר די אויגן**“. צום בײַשפּיל, „ווען איך האָב געהערט אַז ......... איז געוואָרן פּרעזידענט, איז מיר געוואָרן פֿינצטער פֿאַר די אויגן !“. אַז מע זאָגט וועגן עמעצן „ער האָט אַ גאַנץ לעבן **געפֿינצטערט**“, מיינט מען אַז זײַן לעבן איז געווען פֿול מיט פּײַן און לײַדן[15].
אַ סינאָנים פֿון **פֿינצטערניש** איז **חושך**[16]. **עס טוט זיך חושך** מיינט אַז עס פּאַסירן שרעקלעכע זאַכן. פֿון די צען מכּות[17] אין מצרים[18] איז **חושך** געווען די נײַנטע. אויף ייִדיש זאָגט מען **חושך־מצרים** צו

[סוף אויף ז' 5]

1. sombre/dark/חשוך 2. sombres/dark/חשוך 3. PE'NEMER visages/faces, *sing*. PONEM פנים 4. pâles/pale/חיוורים 5. humeur/mood/מצב רוח 6. triste/sad/עצוב 7. DO'REMDIKER ... hémisphère sud/southern hemisphere/חצי הכדור הדרומי 8. MOYKHL ... nous excuser/excuse us/יסלחו לנו 9. DAFKE justement/precisely 10. MAMESH littéralement/literally/מילולית 11. POSHET simplement/simply 12. quelle catastrophe/woe is me!/!אבוי 13. idiot/fool/אידיוט 14. ... GOYLEM pauvre abruti/dismal fool/אידיוט גמור 15. souffrance/suffering/סֵבֶל 16. KHOYSHEKH ténèbres/darkness 17. MAKES plaies/plagues 18. MITSRAIM Égypte/Egypt



**בילד פֿון וויליאַם בלייק.**

שילדערן[19] דאָס טיפֿע, געדיכטע[20] פֿינצטערניש ווי אין מצרים, אָדער – אַ מוראדיקן כאַאָס[21].
איז **ליכט** אַוודאי[22] דאָס פֿאַרקערטע : אַ **ליכטיקער טאָג**, אַ **ליכטיק פּנים**, **ליכטיקע אויגן**, אַ **ליכטיקע נשמה**[23]... מען שמייכלט שוין הערנדיק די ווערטער. אַ שיינער אויסדרוק ווען מען דערמאָנט אַ טויטן וואָס מע האָט ליב געהאַט איז „זאָל ער/זי **האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן**[24]“.
אין תּנך[25] איז דאָס **ליכט** דאָס סאַמע ערשטע פֿונעם באַשאַף[26]. אין אָנהייב איז געווען נאָר פֿינצטערניש, האָט גאָט צו ערשט באַשאַפֿן דאָס ליכט. אַזוי שטייט אין בראשית[27] (א : 3–4) : „האָט גאָט געזאָגט : **זאָל ווערן ליכט**. און עס איז געוואָרן ליכט. און גאָט האָט געזען דאָס ליכט אַז עס איז גוט“ – כּי־טובֿ[28]. ווייסן מיר שוין. אומעטום אין תּנך ווערט ליכט דערמאָנט ווי עפּעס גוטס. אין משלי[29] (ו : 23) שטייט צום בײַשפּיל : „דאָס געבאָט[30] איז אַ ליכט און די לערנונג אַ ליכטיקייט“.
בײַ אַ סך פֿעלקער איז די זון אַ גאָט.
בײַ אַנדערע, וואָס האָבן אַ דואַליסטישע רעליגיע, ווערן די כּוחות[31] פֿון ליכט אַנטקעגנגעשטעלט[32] די כּוחות פֿון פֿינצטערניש.
פֿון אַ ווויסנשאַפֿטלעכן קוקווינקל[33] ווייסן מיר אַז די זון איז דער קוואַל[34] פֿון דער גאַנצער ענערגיע פֿון אונדזער פּלאַנעט. דאָקטוירים
זאָגן אונדז אַז דאָס ליכט פֿון דער זון איז גוט פֿאַרן געזונט (אויב מע ליגט ניט צו לאַנג אויף דער פּלאַזשע), נישט נאָר פֿאַרן קערפּער (די וויטאַמין דע[35] !), נאָר אויך פֿאַר דער שטימונג. די ווינטער־דעפּרעסיע היילט[36] מען טאַקע מיט ליכט־טעראַפּיע.
דאָס זעלבע וואָרט **ליכט**[37], אָדער **ליכטל**, מיינט אויך „אַ קליינער אָביעקט געמאַכט פֿון וואַקס[38] מיט אַ קנויט[39] אין מיטן, וואָס שטייט אין אַ לײַכטער[40] און ברענט“.
אַן אָפּקלאַנג[41] פֿון אַ פּסוק[42] אין תּנך איז דער אויסדרוק **זוכן מיט ליכט**, וואָס מיינט זוכן עפּעס וואָס איז שווער צו געפֿינען אָדער זוכן גרינטלעך.
אין ייִדישקייט פֿאַרנעמט די צערעמאָניע פֿון **צינדן ליכט**[43] אַ גרויס אָרט. די מנורה[44] (וואָס איר נאָמען קומט פֿונעם וואָרט **נר**[45] – ליכט) איז דער גרויסער לײַכטער מיט זיבן רערן[46] וואָס איז געשטאַנען אין בית־המיקדש[47] און וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער עמבלעם פֿון מדינת־ישׂראל[48]. דער **נר־תּמיד**[49], דאָס אייביקע ליכט, וואָס ברענט שטענדיק אין שול[50], דערמאָנט די מנורה וואָס האָט געברענט אינעם בית־המיקדש.
אַלע פֿרײַטיק פֿאַר זונפֿאַרגאַנג פֿירט מען אַרײַן שבת[51] מיט **ליכטבענטשן**[52]. אַ ייִדישע פֿרוי האָט נאָר דרײַ מיצוות[53] וואָס זי מוז טאָן, און איינע פֿון זיי איז ליכטבענטשן. ווען זי מאַכט די ברכה[54] און זאָגט „גוט שבת“, הייבט זיך אָן דער שבת. ווען מע וויל זאָגן אַז עמעצער איז געקומען צו דער לעצטער מינוט, זאָגט מען, אַז ער איז געקומען **אַ מינוט פֿאַר ליכטבענטשן**.
דאָס בילד פֿון אַ ייִדישער מאַמע וואָס בענטשט שבת־ליכט איז געוואָרן אַ סימבאָל פֿון ייִדישקייט. אויך דער סוף[55] פֿון שבת ווערט אָפּגעמערקט[56] דורך צינדן אַ ליכט. אָט די צערעמאָניע הייסט הבֿדלה[57]. דער טאַטע צינדט אָן אַ געפֿלאָכטענע[58] ליכט, זאָגט אַ תּפֿילה[59] און די נײַע וואָך הייבט זיך אָן.
אַ יום־טובֿ[60] וואָס איז ספּעציעל פֿאַרבונדן מיט ליכט איז חנוכּה[61]. מע פֿײַערט עס לכּבֿוד[62] דעם גרויסן נס[63] וואָס איז, לויט דער לעגענדע, געשען אין יאָר 165 פֿ"ק[64] נאָך דעם אויפֿשטאַנד[65] קעגן די גריכן. בײַם רייניקן דעם בית־המיקדש האָט דאָס קליינע ביסל בוימל[66]
פֿאַר דער מנורה, וואָס איז בלויז געווען גענוג אויף איין טאָג, געברענט גאַנצע אַכט טעג.
יעדן אָוונט פֿון די אַכט טעג חנוכּה צינדט מען די ליכט וואָס שטייען אין אַ חנוכּה־לאָמפּ און די קינדער פֿרייען זיך און זינגען לידער. דער פּאָעט אַבֿרהם[67] רייזען באַשרײַבט די שטימונג אַזוי :
„פֿאַרלאָשן זײַנען מײַנע שטערן
און פֿינצטער איז די לאַנגע נאַכט,
דאָך[68] הייבט מיר ליכטיק אָן צו ווערן,
ווען כ'צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט !“

**די מנורה אויפֿן טיטוס־בויגן אין רוים.**
**אונטן : „שבת־ליכט“, בילד פֿון ווילהעלם וואַכטעל.**





19. décrire/describe/לתאר 20. épais/thick/סמיך 21. MO'YREDIKN ... terrible chaos/frightful chaos/כאוס נוראי 22. AVADE bien sûr/of course/כמובן 23. NESHOME âme/soul 24. GAN-EYDN Paradis/Paradise 25. TANA'KH Bible juive/Jewish Bible 26. Création/בריאה 27. BREYSHIS Genèse/Genesis 28. KI-TOV c'est bien/it is good 29. MISHLE Proverbes/Proverbs 30. loi/law/מצווה 31. KOYKHES forces 32. opposés à/opposed to/מוצבים כנגד 33. point de vue scientifique/scientific viewpoint/נקודת מבט מדעית 34. source/מקור 35. vitamine D/ויטמין די 36. soigne/treat/מרפאים 37. *ici* bougie/*here* candle/*כאן:* נר 38. cire/wax/שעווה 39. mèche/wick/פתיל 40. chandelier/candlestick/פמוט 41. écho/הד 42. POSEK verset/verse 43. allumer les bougies/lighting candles/הדלקת נרות 44. MENOYRE menorah 45. NER 46. branches/קנים 47. BEYSAMIGDESH Temple 48. MEDINES-YISROEL État d'Israël/State of Israel 49. NER-TOMID flamme perpétuelle/perpetual flame 50. synagogue/בית כנסת 51. SHABES shabbat/Sabbath 52. bénédiction des bougies/blessing over the candles/ברכת הנרות 53. MITSVES commandements/commandments 54. BROKHE bénédiction/blessing 55. SOF fin/end 56. marqué/marked/מציינים אותו 57. HAVDOLE 58. tressé/braided/שזור 59. TFILE prière/prayer 60. YONTEF fête/holiday/חג 61. KHA'NIKE Hanouca/Hanukka 62. LEKOVED en l'honneur de/in honor of 63. NES miracle 64. פֿאַר קריסטוס av. J.-C./BC/לפני הספירה 65. soulèvement/uprising/מרד 66. huile/oil/שמן 67. AVROM 68. pourtant/yet/למרות זאת.

# אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט[1]
# (2013–1927)

אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט, וואָס איז געשטאָרבן דעם 25סטן נאָוועמבער אין פּתח־תּיקווה[2] אין ישׂראל[3], איז געווען איינער פֿון די אינטערעסאַנטסטע ייִדישע פּאָעטן און פּראָזאַיִקער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה[4]. זײַן שאַפֿונג[5], אין וועלכער ער קומט אַלע מאָל צוריק צו דער פֿאַרשווונדענער וועלט פֿון זײַן קינדהייט און יוגנט, קען מען באַצייכענען[6] ווי מאַגישער רעאַליזם.

אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל מיטן נאָמען קימפּעלינג[7] אין דרום־בוקאָווינע[8] (רומעניע). בוקאָווינע – אַ געגנט וואָס האָט פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צו דער עסטרײַכישער אימפּעריע, און וואָס איז הײַנט צעטיילט צווישן רומעניע און אוקרײַנע – האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע גרויסע ייִדישע פּאָעטן, ווי די דײַטש־שרײַבנדיקע פּאַול צעלאַן[9] און ראָזע אויסלענדער[10], אָדער ייִדיש־שרײַבנדיקע, ווי איציק מאַנגער[11] (וועגן דעם דאָזיקן לאַנדסמאַן זײַנעם האָט שפּיגלבלאַט אָנגעשריבן אַ בוך). בײַ אַ סך מחברים[12] באַווײַזט זיך[13] בוקאָווינע – אַרומגעצוימט[14] פֿון די ווילדע קאַרפּאַטן־בערג, באַוווינט דורך עטלעכע פֿעלקער (רומענער, אוקרײַנער, ייִדן, ציגײַנער[15], דײַטשן, אונגאַרן[16], פּאָליאַקן[17], הוצולן[18]...) מיט אַלערליי[19] שפּראַכן און רעליגיעס, מיט אַ קאָמפּליצירטער געשיכטע, אויף דער פּעריפֿעריע פֿון גרעסערע לענדער – ווי אַ האַלב־מיטישע געגנט[20]. אַזוי ווערט זי אויך פֿאָרגעשטעלט[21] אין שפּיגלבלאַטס לידער און פּראָזע. אַ באַזונדערן, האַלב־מאַגישן כאַראַקטער קריגט אויך אין זײַן שאַפֿן די פֿיגור פֿון אַ זייגער־מאַכער, וואָס איז געווען זײַן טאַטנס, זיידנס און עלטער־זיידנס פֿאַך. מע געפֿינט אים אין זײַנע אויטאָביאָגראַפֿישע ווערק *דורכן שפּאַקטיוו[22] פֿון אַ זייגער־מאַכער* (2000) און *דורך פֿאַררייכערטע שייַבלעך[23]* (2007), ווי אויך אין אַ דערציילונג וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין דער פּאַריזער ייִדישער ליטעראַרישער צײַטשריפֿט *גילגולים[24]* – „ראַכמיל ׳פּעפּעטע־מאָבעלע׳“[25] (2008).

ווי אַ קליין ייִנגל, איז שפּיגלבלאַט געגאַנגען אין חדר[26] און שפּעטער האָט ער זיך געלערנט אין אַ רומענישער גימנאַזיע[27]. בשעת[28] דעם חורבן[29], פֿון 1941 ביז 1944, האָט ער דורכגעלעבט עטלעכע לאַגערן אין טראַנסניסטריע[30], אַ געגנט אויף יענער זײַט פֿונעם טײַך[31] דניעסטר (אויף רומעניש : *ניסטרו*), ווו מע האָט בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה פֿאַרשיקט[32], און צום טייל אומגעברענגט[33], רומענישע און אוקרײַנישע ייִדן. נאָך דער באַפֿרײַונג האָט שפּיגלבלאַט געאַרבעט ווי אַ יוּוועליר[34] און שטודירט ליטעראַטור אין בוקאַרעשטער אוניווערסיטעט. אַרבעטנדיק ווי אַ לערער פֿון רוסישער ליטעראַטור, האָט ער אויך אָנגעהויבן שרײַבן לידער און עסייען אויף ייִדיש. זינט 1950 האָט ער זיך געדרוקט אין דער בוקאַרעשטער ייִדישער צײַטשריפֿט *איקוף[35]־בלעטער* און אין אַנדערע אויסגאַבעס[36] אין אויסלאַנד. אין 1964 האָט שפּיגלבלאַט עולה געווען[37] אין ישׂראל און זיך באַזעצט אין פּתח־תּיקווה. פֿון 1972 ביז 1995 האָט ער געאַרבעט ווי דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פֿון דער וויכטיקסטער נאָכמלחמהדיקער[38] ליטעראַרישער צײַטשריפֿט אויף ייִדיש, *די גאָלדענע קייט*. אין 1984 האָט ער באַקומען דעם פּרעסטיזשפֿולן איציק מאַנגער־פּרײַז פֿאַר ליטעראַטור־שאַפֿונג אין ייִדיש.

בשעת זײַן לאַנגער ליטעראַרישער קאַריערע האָט אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט אַרויסגעגעבן אַ טוץ בענד[39] לידער און שאַפֿונגען אין פּראָזע. צווישן אַנדערע קען מען דערמאָנען : *אומרוּיִקע אותיות[40]* (1969), *פּאַפּירענע זעגלען[41]* (1973), *וואָלקנלידער* (1979). זײַן לעצטער באַנד לידער,

[סוף ז׳ 8]

מײַנע ברילן זענען קאַפּויערדיקע[1]
פֿון אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט
(פֿונעם באַנד געטונקען אין
האָניק־צער)

מײַנע ברילן זענען קאַפּויערדיקע.
איך זע דורך זיי
מײַן אינעווייניק,
ווו עס קנוילן זיך[2]
אין תּהומיקן[3] געראַנגל[4],
פֿאַרקלעמטע[5] און פֿאַרפֿלאָכטענע[6],
די ליבשאַפֿטן און שׂינאות[7] מײַנע.

קאַפּויערדיקע ברילן,
און די שײַבלעך[8] –
ווי פֿאַרמאַכטע לאָדנס[9]
איבער שטומע פֿענצטער.

1. inversés/inside out/הפוכים 2. tourbillonnent/are wound up/מתערבלים 3. TO'MIKN abyssal/of the depths/תהומי 4. lutte/struggle/מאבק 5. serrés/gripped/אחוזים 6. emmêlés/woven together/שזורים יחד 7. SINES haines/hatreds 8. verres, vitres/lenses, panes/,זגוגיות עדשות 9. volets/shutters/תריסים.



1. ALEKSANDER Spiegelblatt 2. PETAKH-TIKVA 3. YISROEL 4. MILKHOME guerre/war 5. œuvre/work/יצירה 6. qualifier/qualify/להגדיר 7. Câmpulung Moldovenesc, Kimpolung 8. DOREM-... Bucovine du Sud/southern Bukovina 9. Paul Celan 10. Rose Ausländer 11. Itsik Manger (1901-1969) 12. MEKHABRIM auteurs/authors/סופרים 13. apparaît/appears/מופיע 14. entouré/surrounded/מוקף 15. Tsiganes/Gypsies/צוענים 16. Hongrois/Hungarians/הונגרים 17. Polonais/Poles/פולנים 18. Houtsoules/Hutsuls/בני הוצול 19. toutes sortes de/all kinds of/כל מני 20. région/אזור 21. représenté/presented/מוצג 22. loupe (d'horloger)/(watchmaker's) loupe/(של שען) זכוכית מגדלת 23. verres de lunettes enfumés/smoky glass/עדשות משקפיים מעושנות 24. métamorphoses 25. déformation de/of/של עיוות *perpetuum mobile* 26. KHEYDER école religieuse/religious school 27. lycée/secondary school/בית ספר תיכון 28. BESHA's pendant/during/בזמן 29. KHURBM Shoah/שואה 30. Transnistrie/Transnistria 31. fleuve/river/נהר 32. déporté/deported/גירשו 33. assassiné/killed/הרגו 34. orfèvre/jeweler/צורף 35. IKUF ייִדישער קולטור־פֿאַרבאַנד 36. publications/פרסומים 37. OYLE ... immigré/immigrated 38. NO'KHMILKHO'MEDIKER d'après-guerre/postwar/שלאחר המלחמה 39. une douzaine de volumes/a dozen volumes/כתריסר כרכים 40. OYSYES lettres/letters 41. voiles/sails/מפרשים



דאָס בוך אין אַ שיפֿל זאַלבעדריט[1] פֿון דזשעראָם ק. דזשעראָם, אָנגעשריבן אין 1899, איז אַ הומאָריסטישער ראָמאַן וואָס איז געוואָרן גאָר פּאָפּולער אין ענגלאַנד און אין אויסלאַנד. עס איז איבערגעזעצט געוואָרן אין צענדליקער שפּראַכן אָבער (אַזוי ווײַט ווי מיר ווייסן) נאָך ניט אין ייִדיש. דרוקן מיר דאָ אָפּ דעם אָנהייב פֿונעם ערשטן קאַפּיטל אין דער איבערזעצונג פֿון אַקווילע גריגאָראַוויטשיוטע. ס׳איז אַ מעשׂה[2] וועגן דרײַ מענער און איין הונט (מיטן נאָמען מאָנמאָרענסי) וואָס לאָזן זיך אין אַ רײַזע איבער דעם טײַך טעמזע[3] און לעבן איבער טשיקאַווע[4] אַוואַנטורעס. עס הייבט זיך אָבער אָן מיט גאָר אַן אַנדער טעמע...

# אין אַ שיפֿל זאַלבעדריט (ניט אַרײַנרעכענענדיק[5] דעם הונט)

## איבערגעזעצט אויף ייִדיש דורך אַקווילע גריגאָראַוויטשיוטע

קאַפּיטל 1

פֿיר זײַנען מיר געווען – דזשאָרדזש, און וויליאַם סאַמועל האַריס, און איך, און מאָנמאָרענסי. מיר זײַנען געזעסן אין מײַן צימער, גערייכערט און געשמועסט וועגן דעם ווי שלעכט עס האַלט מיט אונדז – אַוודאי[6], שלעכט פֿונעם מעדיצינישן קוקווינקל[7], מיין איך.

מיר האָבן אַלע זיך געפֿילט עפּעס צעקראָכן[8] און דאָס האָט אונדז געמאַכט גענוג נערוועיִש. האַריס האָט געזאָגט אַז אַ מאָל האָט ער אַזעלכע גוואַלדיקע אָנפֿאַלן[9] פֿון קאָפּשווינדל[10] אַז ער ווייסט קוים וואָס ער טוט ; דעמאָלט האָט דזשאָרדזש געזאָגט אַז ע ר האָט אויך אָנפֿאַלן פֿון קאָפּשווינדל און ווייסט קוים וואָס ע ר טוט. וואָס שייך[11] מיר, איז מײַן לעבער[12] ניט געווען אין אָרדענונג. דאָס האָב איך געוווּסט, ווײַל איך האָב נאָר וואָס געהאַט געלייענט אַ בראָשור וועגן לעבער־טאַבלעטן, ווו עס זײַנען געווען פּרטימדיק[13] באַשריבן די פֿאַרשיידענע סימפּטאָמען לויט וועלכע[14] אַ מענטש קען באַשליסן ווען זײַן לעבער איז ניט אין אָרדענונג. איך האָב זיי אַלע געהאַט. ס׳איז אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך, נאָר אין מײַן לעבן האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געהאַט געלייענט קיין רפֿואות[15]־רעקלאַמע, וואָס זאָל מיך ניט פֿירן צו אַן אויספֿיר[16] אַז איך לײַד פֿון אָט דער קראַנקייט און דערצו פֿון איר געפֿערלעכסטער פֿאָרעם. דער דיאַגנאָז האָט אין יעדן פֿאַל פּינקטלעך געשטימט מיט אַלע שפּירונגען וואָס איך האָב אַ מאָל אין מײַן לעבן געפֿילט.

איך געדענק ווי איך בין איין טאָג געגאַנגען אינעם בריטישן מוזעום כּדי[17] צו לייענען וועגן רפֿואות קעגן עפּעס אַ לײַכטער קרענק, מיט וועלכער איך האָב געהאַט צו טאָן – הייפֿיבער[18] איז דאָס מסתּמא[19] געווען. איך האָב זיך געפֿונען דאָס בוך און געלייענט אַלץ וואָס איך האָב געדאַרפֿט וויסן ; און דערנאָך, ניט טראַכטנדיק, האָב איך גלאַט אַזוי געבלעטערט די זײַטן און אָנגעהויבן פֿאַמעלעך צו שטודירן די קראַנקייטן אין אַלגעמיין. איך געדענק נישט וואָס איז געווען די ערשטע מחלה[20] אין וועלכער איך האָב זיך פֿאַרטיפֿט – עפּעס אַ מוראדיקע מגפֿה[21], איך ווייס – נאָר איידער איך האָב איבערגעקוקט אַ העלפֿט פֿון דער רשימה[22] „ערשטע סימפּטאָמען“, האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז דערויף בין איך זיכער קראַנק.

איך בין געזעסן אַ ווײַלע, פֿאַרשטיינערט פֿון שרעק ; און דאַן, אָן כּוח[23] און פֿאַרצווייפֿלט[24], האָב איך ווײַטער געבלעטערט די זײַטן. איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף פֿלעקטיפֿוס[25] – געלייענט די סימפּטאָמען – אַנטדעקט אַז איך בין קראַנק, ניט ווויסנדיק,















**הילעס פֿון „אין אַ שיפֿל זאַלבעדריט“ אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן. אונטן : דער מחבר.**

[סוף ז׳ 8]

1. *Trois Hommes dans un bateau*/*Three Men in a Boat*, Jerome K. Jerome/*שלושה בסירה אחת*, ג׳רום ק. ג׳רום 2. MAYSE histoire/story 3. Tamise/Thames/תמזה 4. curieux/curious/מוזרים, מסקרנים 5. sans parler/not to mention/מבלי להזכיר 6. AVADE bien sûr/of course/כמובן 7. point de vue/viewpoint/נקודת מבט 8. patraques/run-down/תשושים 9. horribles attaques/terrible attacks/התקפים נוראיים 10. vertige/dizziness/סחרחורות 11. ... SHAYEKH en ce qui concerne/concerning/באשר ל 12. foie/liver/כבד 13. PRO'TIMDIK en détail/in detail/בפירוט 14. selon lesquels/according to which/לפיהם 15. REFUES-... publicité pour médicaments/medicine ads/פרסומת לתרופות 16. conclusion/מסקנה 17. KEDE'Y afin de/in order to 18. rhume des foins/hay fever/קדחת השחת 19. MISTOME probablement/probably/מן הסתם 20. MAKHLE maladie/illness 21. MO'YREDIKE MAGEYFE horrible épidémie/frightful epidemic/מגיפה נוראית 22. RESHIME liste/list 23. ... KOYEKh sans force/weak 24. désespéré/in despair/מיואש 25. typhus/טיפוס

**[סוף פֿון ז׳ 7]**



אויפֿן פֿלעקטיפֿוס, שוין חדשים[26] לאַנג – זיך געפֿרעגט, אויף וואָס נאָך בין איך קראַנק; געפֿונען דעם וויטוס־טאַנץ[27] – אַנטפּלעקט, ווי איך האָב געהאַט פֿאָרויסגעזען, אַז אויף דעם בין איך אויך קראַנק – פֿאַראינטערעסירט געוואָרן אין מײַן פֿאַל און באַשלאָסן צו גראָבן טיפֿער, האָב איך זיך גענומען לייענען אַלפֿאַבעטיש – געלייענט וועגן דער אַזיאַטישער קדחת[28], זיך דערוווּסט אַז איך לײַד דערפֿון און אַז דער אַקוטער שטאַפּל וועט זיך אָנהייבן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. די בלוטדרוק[29]־פּראָבלעמען מײַנע, ווי איך האָב מיט אַ פֿאַרלײַכטערונג[30] אויסגעפֿונען, זײַנען געווען נאָר מילדע, און מיט זיי וואָלט איך געקענט לעבן נאָך יאָרן לאַנג. גאַלשטיינער[31] האָב איך געהאַט, מיט שווערע קאָמפּליקאַציעס; און עס זעט אויס אַז מיט דיפֿטעריט בין איך געבוירן געוואָרן. איך האָב פֿלײַסיק[32] געהאָרעוועט[33] איבער דעם גאַנצן אַלף־בית[34], און די איינציקע קראַנקייט וואָס איך האָב געקענט קומען צום אויספֿיר אַז איך האָב זי ניט, איז געווען קימפּעט־פֿיבער[35].

אין אָנהייב האָב איך זיך געפֿילט גאַנץ געטראָפֿן[36]; עס האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַן עוולה[37]. פֿאַר וואָס בין איך ניט קראַנק אויף קימפּעט־פֿיבער? פֿאַר וואָס אַזאַ אומיושרדיקער אויסנעם[38]? אַ ביסל שפּעטער האָבן פֿאָרט מילדערע געפֿילן איבערגעוווּיגן[39]. איך האָב געקלערט אַז איך בין קראַנק אויף אַלע אַנדערע קראַנקייטן באַקאַנטע אין פֿאַרמאַקאָלאָגיע, בין איך געוואָרן ווייניקער עגאָיִסטיש און באַשלאָסן זיך צו באַגיין[40] אָן דעם קימפּעט־פֿיבער. פּאָדאַגרע[41] אין איר ערגסטן שטאַפּל, דאַכט זיך, האָט מיך געכאַפּט אָן מײַן וויסן; און פֿון שווינדזוכט[42] האָב איך אָן ספֿק[43] געליטן זינט איך בין געווען אַ ייִנגל. ס׳זײַנען ניט געווען מער קראַנקייטן נאָך שווינדזוכט, האָב איך דערפֿון אַרויסגעדרונגען[44] אַז אַחוץ דעם[45] לײַד איך מער ניט פֿון גאָרנישט.

איך בין געזעסן און געקלערט. איך האָב געטראַכט, וואָס פֿאַר אַן אינטערעסאַנטער פֿאַל מוז איך זײַן פֿונעם מעדיצינישן קוקווינקל, וואָס פֿאַר אַ מציאה[46] וואָלט איך געווען אין אַ קלאַס! סטודענטן וואָלטן ניט געדאַרפֿט „גיין איבער די שפּיטאָלן“, אויב זיי וואָלטן מיך פֿאַרמאָגט. איך בין אַ שפּיטאָל אין זיך. זיי וואָלטן נאָר באַדאַרפֿט אַרומגיין אַרום מיר און דערנאָך אָפּנעמען זייערע דיפּלאָמען.



דאַן האָב איך זיך געפֿרעגט ווי לאַנג עס בלײַבט מיר צו לעבן. איך האָב געפּרוּווט זיך אונטערזוכן[47]. איך האָב געזוכט מײַן פּולס[48]. אין אָנהייב האָב איך ניט געקענט קיין פּולס געפֿינען. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן. איך האָב אַרויסגענומען דעם זייגער און געציילט. ס׳איז געווען הונדערט זיבן און פֿערציק אַ מינוט. איך האָב געפּרוּווט צו טאַפּן דאָס האַרץ. איך האָב ניט געקענט דערטאַפּן דאָס האַרץ. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט. [...]



THREE MEN IN A BOAT

(TO SAY NOTHING OF THE DOG).

26. KHADOSHIM des mois/months, *sing.* חודש KHOYDESH 27. danse de Saint-Guy/St. Vitus' dance/מחולית 28. KADOKHES fièvre/fever 29. tension artérielle/blood pressure/לחץ דם 30. soulagement/relief/הקלה 31. calculs biliaires/gallstones/אבני כיס מרה. 32. avec application/conscientiously/בהתמדה 33. trimé/labored/עָמַל 34. ALEF-BEYS alphabet 35. fièvre puerpérale/childbed fever/קדחת לידה 36. vexé/hurt/פגוע 37. AVLE injustice/wrong 38. U'MYOYSHERDIKER ... exception injuste/unfair exception/יוצא מן הכלל לא הוגן 39. l'ont emporté/won out/ניצחו 40. me passer de/get by/להסתדר 41. goutte/gout/שיגדון 42. phtysie/ tuberculosis/שחפת 43. ... SOFEK sans doute/doubtless 44. déduit/deduced/הסקתי 45. AKHU'TS ... à part cela/aside from that/מלבד זאת 46. METSIE aubaine/gem 47. examiner/examine/לבדוק 48. pouls/pulse/דופק

**[סוף פֿון ז׳ 6]**

*געטונקען אין האָניק־צער*[42] (2009), טראָגט אַ טיטל וואָס שטעלט גוט פֿאָר דעם פּאָעטס נוסח[43]: צערטלעכקייט[44] דורכגעפֿלאָכטן[45] מיט שאַרפֿקייט, אַ שמייכל דורך טרערן און דער צער פֿון דער צײַט וואָס פֿאַרגייט. דעם שרײַבערס לעצט ווערק אין פּראָזע, *אַ משל זוכט אַ נימשל*[46], וועגן דעם פּאָעט אליעזר שטיינבאַרג[47], איז דערשינען קורץ פֿאַר זײַן פּטירה[48], אין 2013.

צום באַדויערן בלײַבט שפּיגלבלאַטס ליטעראַרישע ירושה[49] נאָך ווייניק באַקאַנט צווישן דעם ברייטערן עולם[50]. מע קען אָבער דערמאָנען, אַז אינעם יאָר 2011 האָבן יצחק ניבאָרסקי[51] און חיהלע ביר[52] געווידמעט זייער גאַנצן קורס אויפֿן זומער־אוניווערסיטעט אין בריסל[53] אַלכּסנדר שפּיגלבלאַטס שאַפֿן און עס האָט שטאַרק אויסגענומען[54] בײַ די סטודענטן.

42. ... TSAR trempé dans le miel du chagrin/dipped in honey grief/טבול בצער הדבש 43. NUSEKh style/סגנון 44. tendresse/tenderness/רכות 45. entremêlé/interwoven/שזור 46. ... MOSHL ... NIMSHL *Une Fable cherche sa morale/A Fable Seeks for its Moral* 47. ELIEZER Shteynbarg (1880-1932) 48. PTIRE décès/death 49. YERUSHE héritage 50. OYLEM public/קהל קוראים 51. YITSKHOK Niborski 52. KHA'YELE Helen Beer 53. Bruxelles/Brussels 54. a beaucoup plu/had great succes/זכה להצלחה.


# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער *ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.



Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ: www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז: 2,50 אייראָ